**גוט שבת אלע אידן.** משנכנס אלול מרבין בתשובה. דער ענין פון תשובה איז מרומז אינעם פסוק פון דער וואכעדיגער סדרה: "תמים תהיה עם ד' אלקיך." (יח, יג) ווייל אזוי ווי די ספרים ברענגען, זענען די רמ"ח מצוות עשה און די שס"ה מצוות לא תעשה אנטקעגן די רמ"ח אברים און די שס"ה גידים פונעם גוף. קען זיין אז דאס איז מרומז אין די ווערטער פון שלמה המלך ע"ה: "סוף דבר הכל נשמע את האלקים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם." (קהלת יב,יג) וואס איז טייטש "... כי זה כל האדם?" ד"ה, די מצוות זענען די מהות פונעם מענטש. וועגן דעם, איז אן עבירה אזוי הארב. ווייל טאמער איינער טוט אן א עבירה איז ער פוגם אין דעם רוחניות'דיגע חלק פון זיין גוף וואס איז פארבונדען מיט די עבירה. וועגן דעם האט דער אייבערשטער געהייסן: "תמים תהיה עם ד' אלקיך." ד"ה דו זאלסט תשובה טון צו פארעכטן דעם פגם וואס דו האסט גורם געווען דורך דיין חטא, כדי אנצוקומען צו א רוחניות'דיגע שלימות צו זיין תמים גאנץ.

איינע פון די וועגן וואס איז שטארק מעורר מענטשן צו תשובה איז דורך ליינען מעשיות פון השגחה פרטיות, אזוי ווי די פאלגענדע מעשה. ווייל אז מען נעמט אריין אין הארץ דעם געדאנק אז דער אייבערשטער קוקט זיך אום אויף יעדען קליינעם ריר אין אונזער לעבן, וועט מען דורך דעם תשובה טון. מ'וועט געדענקען אז ס'דא א דין וחשבון אויף אלעס וואס מיר האבן געטון דורכ'ן יאר.

בערך פאר א 10–15 יאר צוריק, האבן פיר עהרליכע ביזנעסלייט פון קליוולאנד, אוהייאו געפלאנט צו פליען זונטאג אינדערפרי אויף ניו יארק, אויף ביזנעס. יענעם זונטאג איז געווען ראש חודש אלול. זיי האבן געדארפט ארויספליען גאנץ פרי. וועגן דעם האבן זיי געפלאנט צו דאווענען שחרית אין ניו יארק כדי נישט צו פארפאסן צו דאווענען מיט א מנין.

זיי האבן זיך אפגעשמועסט אז איינער פון די 4 ביזנעסלייט, וואס האט געהייסן ר' מרדכי, ער זאל מיטנעמען די אנדערע דריי ביזנעסלייט מיט זיין קאר אום 5 אזייגער פארטאגס צום עירפארט. אבער, ר' מרדכי האט פארשלאפן. 5:30 אינדערפרי איז ר' מרדכי'ס ברודער געקומען צו לויפן צו ר' מרדכי'ס הויז כדי אים אויפצוּוועקן, זיי זאלן נישט פארפאסן דעם פליגער. די אנדערע דריי ביזנעסלייט האבן נישט געקענט בלייבן ווארטן אויף ר' מרדכי, זענען זיי געפארן צום עירפארט אן אים. ר' מרדכי האט געטראכט אז לכאורה וועט ער נישט באווייזן צו כאפן דעם פליגער, אבער, ער האט זיך צוגעאיילט צו פארן צום עירפארט אפשר וועט עס אים דאך געלונגען. צום סוף איז ר' מרדכי אנגעקומען אין עירפארט די לעצטע מינוט, און זיי האבן אים אריינגעלאזט אויפ'ן עראפלאן א פאר סעקונדעס פאר זיי האבן צוגעשפארט דעם טיר פונעם עראפלאן.

דער וועטער איז געווען גאנץ פיין ווען דער עראפלאן האט זיך אויפגעהויבן. אבער ווען דער עראפלאן איז אנגעקומען נענטער צו ניו יארק, איז דער וועטער געווארן ערגער. דער פילאט האט אויסגערופן אז עס איז שטארק פארנעפלט אין ניו יארק אז דער עראפלאן קען נישט לאנדן דארט. נאך א פאר מינוט האט דער פילאט אויסגערופן אז זיי גייען דארפן לאנדען אין וואשינגטאן די סי, א שטאט וואס איז בערך 250 מייל אוועק פון ניו יארק, אזא נסיעה מיט א קאר געדויערט 4 שעה.

די ביזנעסלייט האבן נישט געוואוסט וואס צו טון, ווייל זיי האבן געפלאנט צו דאווענען שחרית אין ניו יארק, און דא זענען זיי געבליבן אן מנין. ווען אלע מענטשן זענען ארויסגעגאנגען פונעם עראפלאן, האבן די ביזנעסלייט געטראפן א גרופע פון חסידישע אידן וואס זענען געקומען מיטן זעלבען פליגער פון קליוולאנד. זיי זענען געווען ביי זייער רבי'ן ר' מעכעלע שליט"א. אזוי ווי עס איז שוין שפעט געווען, האבן זיי געמאכט א מנין אין עירפארט. איינער פון די חסידישע אידן האט אנגעהויבן צו ציילן: "הושיעה את עמך וגו'" און ב"ה, זיי האבן געהאט מנין! זיי האבן געהאט א מנין נאר ווייל ר' מרדכי האט געכאפט דעם פליגער, כאטש ער איז אויפגעשטאנען אזוי שפעט.

די פארוואלטונג פון די עירליין האבן צוגעשטעלט א ווינקל אין עירפארט און דארט האבן די אידן אנגעהויבן צו דאווענען שחרית ראש חודש אלול. ווען זיי האבן געהאלטן אינמיטן "הלל", איז צוגעקומען א מענטש צו דעם ווינקעל ווי זיי האבן געדאווענט. דער מענטש האט אויסגעקוקט ווי א בעסערער גוי אנגעטון מיט א שיינעם סוט. דער מענטש איז געקומען צו ר' יאנקל, איינער פון די מתפללים, און ער האט אים געפרעגט שטילערהייט: "איז עס אפשר מעגליך צו זאגן קדיש?" ר' יאנקל האט אים אנגעקוקט. טראכטענדיג, דער מענטש קוקט נישט אויס ווי א איד, פון וואו ווייסט ער פון קדיש זאגן? אבער ר' יאנקל האט אים געוויזען מיטן האנט אז דער מענטש זאל ווארטן א פאר מינוט. נאך הלל האט ר' יאנקל געגעבן דעם איד א קאפל און א סידור און ער האט אים געהאלפן צו לייגן תפילין. נאכדעם האט אים ר' יאנקל געזאגט אז ער מעג שוין זאגן קדיש. "יתגדל ויתקדש..." האט ער געזאגט שטילערהייט און האט זיך צוויינט. ווען ער איז האט זיך בארואיגט, האט ער געזאגט ווייטער "שמה רבא..." און דער עולם האט געענפערט "אמן" מיט א מורא'דיגע התלהבות כדי אנצוצינדען זיין אידישן הארץ. "בעלמא די ברא כרעותיה..... וימליך מלכותיה..... ויצמח פרקנה ויקרב קץ משיחה..." האט דער איד געזאגט דעם קדיש מיט א שוועריגקייט.

נאכען ענדיגן דאס דאווענען, איז איינער פון די חסידישע אידן צוגעגאנגען צו דעם איד, און ער האט געזאגט צו אים. "איך האב געזען אז דו האסט געזאגט קדיש מיט א מורא'דיגע געוויין. איז אלעס אין ארדענונג ביי דיר?" האט ער געפרעגט דעם איד.

"דו ווייסט וואס," האט דער איד אנגעהויבן צו זאגן. "איך וועל דיר דערציילן די מעשה, מיין טאטע איז נפטר געווארן א פאר טאג צוריק. נעכטן איז ער געקומען צו מיר אין חלום, און ער האט מיך פארגעהאלטן: 'ראבערט, פארוואס זאגסטו נישט קיין קדיש נאך מיר?'... אין מיין חלום, האב איך געענפערט פאר מיין טאטען: 'טאטי, איך קען נישט זאגן קדיש, ווייל איך ווייס נישט ווי אזוי מ'זאגט קדיש. נישט נאר דאס, און עס איז נישט דא קיין שול אין מיין געגענט, און איך פאר ארום אסאך, און איך קען מיך נישט אויס. דערפאר, קען איך נישט זאגן קיין קדיש נאך דיך...'

"'דו דארפסט זאגן קדיש נאך מיך,' האט מיין טאטע זיך גע'עקשנ'עט מיט מיר אין חלום. איך האב געזאגט נאכאמאל און נאכאמאל אז איך קען נישט זאגן קיין קדיש. צום סוף האט מיין טאטע מיך געפרעגט אין חלום: 'און טאמער איך שיק דיר א מנין, דעמאלט וועסטו זאגן קדיש?'

"אוודאי וועל איך זאגן קדיש דעמאלט." האב איך געענפערט פאר מיין טאטען. און פונקט דעמאלט האב איך זיך אויפגעוועקט. דער חלום איז געווען אזוי עכט! אז איך האב נישט געגלייבט אז עס איז געווען א חלום. אבער ווען איך האב מיך אנגעטון אינדערפרי, האב איך מיר געטראכט אז עס איז סתם געווען א חלום, און עס מיינט גארנישט. אבער ווען איך בין אנגעקומען אין עירפארט, האב איך נישט געקענט גלייבן וואס מיינע אויגן האבן געזען... מיין טאטע האט מיר טאקע געשיקט א מנין!

מיר זען פון דעם מעשה אז דער אייבערשטער איז משגיח אויף יעדען פרט אין א איד'ס לעבן. וועגן דעם דארפן מיר מרבה זיין בתשובה פון היינט און אין ווייטער, ווייל גאר נישט איז פארהוילען פון דעם אייבערשטען. דורך תשובה טון קענען מיר מקיים זיין דעם פסוק: "תמים תהיה עם ד' אלקיך." **גוט שבת אלע אידן.**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של ר' נתן בן רבקה, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים
לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל.

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)

מדה טוב מרובה! אויב מ'רעדט דברי תורה און תפילה אין שול איז מען מוסיף חיים, "כי הם חיינו ואורך ימינו..."